NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13379

# MEGILES ESTER

N. Hurvits

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# מגילת אסתר

געשריבן פּאָעטיש
און גראַמען

צום לייענען פאַר קינדער
דעם טאַטן מיט דער מאַמען

יעדער קען עס פאַרשטיין
סאַ גרויס אָדער קליין.

פאַרפאַסט פון ג. הורוויץ
„דער מילבינער קיבעצער"
214 וועסט 96טע סטריט
ניו-יאָרק

דער [illegible] אין [illegible]

# א י נ ה א ל ט :

•


פיידזש

אחשורוש, דער קעניג פון פערסיע — 3

המן ווערט פריים מיניסטער — 4

ער רוקט זיך וואו מען דארף ניט — 5

ביי אחשורוש'ן אויפ'ן באל — 6

המן'ס עצה צום קעניג — 7

ושתי'ן אומגעבראכט — 8

אסתר'ס איינטריט — 10

מרדכי'ס איינטריט — 11

מרדכי בוקט זיך ניט פאר המן — 13

המן וויל אפרוימען די אידען — 14

מרדכי דערוואוסט זיך וועגען אלעס — 16

מרדכי רעדט מיט אסתר'ן — 17

המן פרעגט אן עצה ביי זיינע פריינד — 21

המן'ס מיסטייק — 24

המן'ס ערשטע מפלה — 26

ביי אסתר'ן אויפ'ן מאלצייט — 28

אסתר זאגט אויס ווער זי איז — 31

אויפגעהאנגען המן'ען — 34

מרדכי ווערט פריים מיניסטער — 35

אין שושן איז פרייליך — 36

די געשיכטע פון אסתר וויל איך פאר אייך לעזען
אין מיין אייגענער שפראך;
וואס עס איז דאן געוועזען,
וועל איך דערציילען צו דער זאך:

•

## קאפיטעל 1

אין דער צייט פון אחשורוש,
אין שושן הבירה האט עס געטראפען;
איך וועל אייך לעזען די געשיכטע,
ווי עס איז דאן פארלאפען.

אין דער גרעסטער שטאט שושאן,
האט געקעניגט דארטען א מלך;
אלע האבען דארט געלעבט פריי,
און געפילט זיך זייער פרייליך.

ביז עס איז געווארען פריים-מיניסטער,
דער צורר המן בן המדתיו;
און דער דאזיגער המן,
איז געוועזן א גרויסער רשע.

האָט געהאַט פיל גוטס און ווייבער,

אַט דער שלעכטער שקלאַפען-טרייבער;

און אחשורוש, דער גרויסער נער,

האָט געמאַכט המן'ען פאַר דעם גרעסטען האר.

און המן האָט זיך שוין אָנגעבלאָזען אַזוי ווי א האָן,

און געוואָלט דערקריכען גאָר ביז אויבען-אָן.

אחשורוש'ן, דעם שוטה,

פלעגט ער ברייגגען מיידלעך רויטע;

ער זאָל האָבען מיט וועמען זיך אַמוזירען,

און אַליין פלעגט ער טראַבעל נאָר פאַרפירען.

און ביי דער מלכה ושתי אונטער דעסען,

האָט מען געהאַלטען אין איין שיכור'ען און עסען;

און מיט די יונגע שיינע אָפיצירען,

פלעגט זי דורך נעכט זיך אַמוזירען.

און המן, דער מסור, האט פון אלעם געוואוסט,
און צושארען זיך צו ושתין האט זיך אים געגלוסט;
דאס נאר מיט אים אליין,
זאל די קעניגין פארברייגגען גיין.

האט די קעניגין ושתי אנגעפאנגען פראטעסטירען,
זי האט נישט געלאזט זיך פון המן'ען פארפירען:
און זי האט שוין געוואלט דעם קעניג זאגען,
ער זאל אוועקשיקען המן'ען צו אלדי קלאגען.

אבער א כיטרער קערעל איז ער געווען,
כאטש ער האט נישט געקענט שרייבען אדער לעזען;
האט ער אנגעפאנגען ביי איר זיך בעטען,
און געטרייעט אלעם צו פארגלעטען.

ער האט ושתי'ן פארזיכערט, דאס ער מאכט נאר שפאס,
או זאיז אוועק פון איר פול מיט האס;
ער האט פערשטאנען אז ער איז צו ווייט פארקראכען,
איז מוז מען פון איר לויז ווערען אין די נעקסטע פאר וואכען.

## קאַפּיטעל 2

און ביי דעם קייזערס פּאַלאַצען,
זיינען געשטאַנען לאַקייען און פּאַיאַצען ;
און זיי האָבען אויפגענומען געסט,
פון דער איסט און פון די וועסט.

און פון זיינע הונדערט זיבען און צוואַנציג לענדער,
מיט טרומפּייטען און מוזיק בענדער ;
אויך פון מדי און פון פּרס,
זיינען געקומען אַלע שררות,

צו דעם קעניגס גרויסען באַל,
אין זיין רייכסטען שענסטען האַל.
דער קעניג האָט געוואָלט ציינען דער גאַנצער וועלט,
דאָס עס פעלט אים נישט קיין גוטס און געלט ;

קיין פרויען איף דעם באַל, האָבען אויך נישט געפעלט,
און מען האָט גע׳שיכור׳ט און גענעסען,
און געטאָן וואָס מען האָט געוואָלט...

און המן האָט געטראַכט, געסקימט און זיך געגראָבען,
ווי אַזוי די מלכה ושתי, וואָס שנעלער צו באַגראָבען ;
און וואָס ער האָט געגאַרט,
האָט ער ענדליך זיך דערוואַרט.

און ווען אחשורוש האט זיך אנגעטרונקען,
מיט זיין שטארקען וויין,
איז אט ועט איר באלד הערען,
וואס עס וועט דא זיין:

---

דער קעניג אחשורוש זיצט גאנץ שיכור,
אויף זיין גאלדענעם טראן;
און המן שארט זיך צו צו אים,
און פרעגט: וויל מיין קעניג האבען פאן?

איז לאמיר הייסען אלע ווייבער
זיי זאלען צייגען זייערע לייבער.
און די שענסטע פון זיין אלע,
זאל פאר דער נאכט זיין דעם קעניגס כלה.

די געסט, וועלכע זיינען נאך נישט געווען באזויפען,
האבען אנגעפאנגען פראטעסטירען;
דער פאר די ליידים, אן אן אויסנאהם,
האבען גענומען אפלאדירען.

און זיי זאגען אז דער קעניג וויל האבען פאן,
איז וואס קענען זיי נעבאך טאן;
האבען זיך אויסגעטאן די ווייבער,
און געציינט זייערע לייבער.

און דער קעניג האט זיי גוט באטראכט,
און פון זיי אלעמען געלאכט;
ער זאגט: מיין איינען ווייב,
האט דאך פון זיי די שענסטע לייב.

און המן זאגט צום קעניג אליין,
אויב די קעניגין איז טאקע אזוי שיין,
טא, באפעל די קעניגין אהערברייננען צופירען,
און אלע הערען און די דאמען, האבען אנגעפאנגען אפלאדירען

און כאטש עס איז
געגען דער קאורטליכער עטיקעט;
האט ער דאך געהייסען,
מען זאל ברייננען איר מאיעסטעט.

און ושתי איז געווען זייער א שיינע,
אין אירע באקען האט זי געהאט דימפעלס;
אבער צום אומגליק איז די נאכט,
אויף איר שטערן אויסגעוואקסען פימפעלס.

און טאקע צוליב דעם,
האט זי נישט געקענט קומען;
האט מען דער שיינער ושתי,
איר קאפ ארונטערגענומען.

און המן האט דערלעבט זיין נחמה,
און גענומען פון ושתי זיין נקמה.

## קאפיטעל 3

אחר הדברים האלה בשוך חמת המלך,
האט ער זיך באטראכט וואס איז דא צו זיין אזוי פרייליך?
זיין שענסטע ווייב האט ער אומגעבראכט, —
איז ער געווארען מעלאנכאליש און האט זיך פערטראכט:
מיט וועמען בין איך יעצט געבליבען,
און וועמען וועל איך יעצט קענען ליבען.

האבען אים גערא‌טען זיינע אפיצערען,
אז אט די אלע גרויסע הערען, —
ווער עס וויל א מעדאל פאר זיך געווינען,
זאל א שיינע כלה פאר דעם קעניג געפינען.

און זיי האבען אויסגעפונען איינע,
זייער א קלוגע או זא שיינע ;
אבער זי האט געהאלטען אין איין קלאגען,
און פון וואנען זי שטאמט, האט זי נישט געוואלט זאגען.

איר נאמען איז געוועזען די הדסה אסתר,
פון אידישען פאלק, אונזערע א שוועסטער.
מען זאגט, אז זי איז געווען מרדכי'ס א נים,
אבער קיינער וויים דאס נישט אויף געווים.

צו וויסען אלע מיניסטארען,
און מלוכה מיניסטארען,
איז דער פעהיגסטער געוועזען מרדכי דער איד —
פון שבט בנימין געווען איז ער א גליד.

און אין אַ קליינער ציים שפּעטער,
איז געזעסען מרדכי, אסתר'ס פעטער;
אין דעם קעניגס גרויסען גאָרטען,
וואו פילע אָפיצערען געוועזען זיינען דאָרטען.

מרדכי האָט זיך אויפגעהויבען,
און איז אַוועק שפּאַצירען,
און ער זעט דאָרט פון דערווייטען,
זיצען צוויי יונגע אָפיצערען.

איינער האָט געהייסען בגתן,
דער צווייטער תרש.
בגתן איז געווען דער קוכאַר,
און תרש דער צווייטער,
איז געווען דעם קעניגס ווייטער.

און מרדכי האָט געהערט ווי די צוויי האָבען גערעדט, —
זיי האָבען דעם קעניג געטאַן פערדאַמען,
און באַשלאָסען אײנגיכען אים פאַר'סמ'ען.

האָט מרדכי געהייסען אסתר'ן
דערציילען דאָס גלייך דעם קייסער.
און דערפאַר איז ער געוואָרען,
דעם קעניגס פריינד א גרויסער.

און די פּאררעטער האָט מען געהאָנגען,
דער קעניג איז לעבען געבליבען.
און מרדכי אַלס דער רעטער,
איז אין ספר הזכרונות פארשריבען.

און מרדכי איז געזעסען,
לעבען קעניגס טויער.
און געווען פאראינטערעסירט,
אין אַ בוך איז ער זייער.
און אַלע מיניסטאָרען,
פלעגען ליבען מיט אים זיצען.
ווייל ער פלעגט זיי דערציילען
זייער קלוגע וויצען, —

און ויבא המן,

און המן איז געקומען,
האבען אלע מיניסטארען זיך גענומען
פאר המן'ען בוקען.
מרדכי רירט זיך נישט פון ארט,
און בויגט נישט איין זיין רוקען.

און המן איז געווארען,
פול מיט האס און צארען,
די אנטיסעמיטישע יוכע,
האט זיך אין אים צוברענט.
און צו מרדכי'ן האט ער זיך געווענדעט:

שטיי אויף, דו אידעל מיט דער בערדעל,
איך וועל דורכלעכערען דיין הארץ מיט מיין שווערדעל.
זאגט מרדכי: פרוביר מיך שטעכען,
איך וועל די ביינער דיר צוברעכען.

און זוי ווי המן איז געווען געל,
האט ער זיך אפגעטראגען אויף שנעל.
און אן אויפגעקאכטער איז ער געווארען,
מרדכי האט אים פארשעמט פאר אלע מיניסטארען.

און ווייל מרדכי האָט געמאַכט
פון אים אַזוי פיל שפּאַס,
האָט המן זיך פאַרמאַסטען צו פאַרטיליגען
אַלע אידען פון זיין גרויסען האַס.

און ער איז אַוועק גלייך צום קעניג,
און ער פאַנגט אים אָן אַזוי צו זאָגען:
מיין האר, דו האַסט דאַ אַ פאָלק,
וואָס טויג אויף אַלדי קלאָגען.

זיי זיינען צווייט און איבעראַל פאַרשפּרייט;
אויף אַלע יארידין, אָט די דאָזיגע אידען.
עס איז גאַנץ איינפאַך,
זיי ריידען נישט דיין שפּראַך;

דיינע לענדער זיי עקספּלואַטירען,
דיינע געזעצען ווילען זיי ניט אַדאַפּטירען.
אונזערע עסענס ווילען זיי נישט פאַרזוכען,
ווי שנעל זיי דערשמעקען פון חזיר די גערוכין;

זיי ווילען זיך מיט אונז אין קיין זאַך נישט מישען,
איז מאַך איך אַ פאָרשלאַג זיי אַלעמען צו שיסען.

און עס זאגט צו המן'ען, דער קייזער, —
זאג מיר נאר, המן'קע, וואו איז דא דער יושר?
דו ווילסט אויסקוילען א פאלק,
אן אפּאַרוואַס און אן א פאַרוואָען —
איז ווער וועט צאלען טעקסעס דען?

און המן זאגט צו אחשורוש:
אויב דו וועסט מיך לאזען,
די אידעלאך פארטיליגען,
וועל איך צעהן טויזענט רענדלעך,
פאר דיין טרעזשורי באוויליגען.

און דער קייזער האט באוויליגט
המן'ס טייוועלשען באגער;
אומצוברייינגען די אידעלעך,
ווי ער וויל און ווער.

און המן האט פאנאנדערגעשיקט
בריף מיט די הרצים איבער דער וועלט,
מען זאל אומ'הרג'ענען די אידעלעך,
און צורויבירען זייער געלט.

## קאפיטעל 4.

ומרדכי ידע את כל אשר נעשה:

האט מרדכי צוזאמענגערופען די קלוגסטע אידען,
און זיי האבען געהאלטען זיך עצות:
זיי האבען ארויפגעשאטען אש אויף די קעפ
און זעק אויף די פלייצעס.

די אידען האבען גענומען שטארק זארגען,
און אין די קעלערען זייערע פאמיליעס פארבארגען.
און זיי האבען אלע באשלאסען צו פאסטען בצבור,
דאס דער גזר זאל שנעלער פאראיבער,

—

און מרדכי איז אוועק צום קעניגס טויער,
אנגעטאן אין פולען טרויער.
או ןדי מיידלעך מיט שרסים האבען געזאגט צו אסתר'ן,
וואס עס טוט זיך אין שטאט מיט אירע ברידער און שוועסטער
האט אסתר געשיקט איר באדינער התך צו זעהן,
וואס עס האט געטראפען און וואס עס איז געשעהן.

און מרדכי האָט דורך התוך'ן איר אַלעס געזאָגט,

און אסתר די מלכה האָט ביטער געקלאָגט. .

און מרדכי האָט אָנגעזאָגט צו אסתר,

זי זאָל דעם קעניג בעטען,

און פּילייכט מיט געלט פּאַרגלעטען;

זי מוז זעהן צו פּערמיידען,

דאָס די אידען זאָלען נישט ליידען.

האָט געענטפּערט אסתר צו מרדכי :

דאָס עס איז פּערשלאָסען פּאַר איר דער וועג,

דער קעניג האָט נישט געשיקט נאָך איר, שוין באַלד 30 טעג;

און אויב מען גייט צום קעניג נישט געבעטענערהייט,

איז מען זיכער צו קריגען אַ פּריצייטיגען טויט,

סיידען אַז ער גיט אַנרירען זיין גאָלדענעם רוט,

אַנדערש קען מען אַפּשניידען זייער נישט גוט.

האָט מרדכי געשיקט איר ווידער זאָגען,

דאָס עס וועט נישט העלפען איר וויינען און קלאָגען

כי אם החרש תחרישי,

אויב דו וועסט. שוויינען אין אזא ביטערער צייט,
וועט שוין קיין מאל נישט זיין פון דיר מער קיין לייט.
און די אידען וועלען געהאלפען ווערען,
דורך אן אורזאכע א צווייטע.

אונזער גאט איז א גוטער,
און ער האט א האנט א ברייטע.
האט אסתר געהייסען התך ער זאל מרדכי'ן זאגען,
דאס זי און אירע מיידלעך וועלען דריי טעג קלאגען;

און דורך דער צייט וועלען זיי נישט טרינקען און נים עסען
און אלע פארגעניגענס וועלען זיי פארגעסען.
און אזוי זאלען טאן אלע אידען פון שטאט
און העלפען זאל אונז אונזער ליבער גוטער גאט

און אסתר האט געטאן ווי זי האט מרדכי'ן צוגעזאגט,
און דריי טעג נאכאנאד האט זי געפאסט און געקלאגט,
און אין דעם דריטען טאג האט זי זיך פארפוצט,
און אין דעם קעניגס גארטען איז זי גלייך אריין,
און וואס גאט וועט וועלען דאס זאל מיט מיר זיין.

און אין דעם אינעווייניגסטען גאָרטען,
איז געזעסען דער קעניג דאָרטען;
און ווען ער האָט אסתר'ן דערזעהן,
האָט ער פאַרשטאַנען אַז עטוואָס איז געשעהן.

ער האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז צו די פיס.
און זאָגט: דו ביזט שיין מיין אסתר'ל, דו ביזט ווי צוקער זיס.
און זי האָט געקראָגען חן אין זיינע אויגען,
האָט ער דעם רוט צו איר געבויגען.

און עס פרעגט איר אחשורוש:
זאָג מיר נאָר, מיין ווייבעלע,
וועלכע אומשטענדען האָבען דיך געבראַכט
אַז פון דעם געפאַר האָסטו גאָר ניט געטראַכט.

דו קוקסט אוים עפּעם בלאַס,
דו פילסט פיליכט נישט גוט?
וועל איך שיקען נאָך דאָקטוירים,
גלייך אין דער מינוט.

איך בי ניִשט קראַנק מיין האר,

אויף מיין וואָרט קענסטו מיר גלויבען;

איך בין געקומען אין געפאַר,

דו זאָלסט מיר ערלויבען,

צו מאַכען א מאַלציים,

ווי פאַר מיין קעניג פאַסט.

און דו מיין האר און המן

זאָל אויך זיין מיין גאַסט.

ענטפערט אחשורוש:

מיט פאַרגעניגען נעם איך דיין איינלאַדונג אן,

איך האָב דען אנדערש וואָס צו טאָן;

און דאָס איך וועל קומען, לאָמירביידע האָפען,

און יעצט מיין שיינע ווייבעלע, גיי און לייג זיך שלאָפען.

און עס איז געקומען צו איר מאַלציים אחשורוש דער קייזער,

און געקומען איז אויך המן, דער צורר דער גרויסער;

און עס פרעגט דער קעניג ביי אסתר, וואָס איז דיין געבעט?

דו ווילסט מיר וויכטיגעס זאגען, איך מאַך דאָ א וועט.

איז ביז מיין האלב פארמעגען,

וועל איך דיר גלייך אפּגעבען.

זאָגט אסתר: זאָל מיין קעניג זיך נישט זארגען,

דו און המן, קומט אויך מאָרגען.

### קאַפּיטעל 5.

און המן איז אַוועק פריילּיך און צופרידען,

אַלעס איז אַזוי גוט, ווען נים פאַר מרדכי דעם אידעל;

דער איד וויל זיך נאָך אַלץ פאַר אים נישט בוקען,

ער וויל אויף אים זאָגאָר נישט קוקען.

ווייל מרדכי לא קם ולא זע

איז המן אַוועק דערציילען זיינע פריינד,

אַז מען האָט אים געלאַדען, צו דער קעניגין נאָך היינט

און מיין גאַנצע רייכטהום מיט די אַלע גליקען,

גייט מיר גאָר נישט אָן, איך קען זיך גאָר נישט קוויקען.

כאַפּט מיך גלייך די ניכפע, איך פאַנג זאָגאָר אָן שוויצען,

ווען איך דערזע דעם אידעל מרדכי, לעבען טייער זיצען

און איך מוז אים אימער זעהן, לעבען דעם קעניגס טויער,

ווער איך אויפגערעגט, גאָר אומגעהויער.

ער וויל אפילו נישט ארונטערנעמען

פאר מיר, פון קאפּ זיין היטעל.

איז בעס איך אייך, מיינע הערען,

געפינט פאר דעם א מיטעל.

זיינע אלע פריינד און אויך זיין ווייב זרש,

זי איז געווען א קלוגע די דאזיגע ממזרת.

זיי האבען מיט געדולד אויסגעהערט זיין קלאגע,

און זיי האבען איינגעשטימט, אז פאר המן'ען איז דאס א גרויסע פלאגע.

און זרש טוט א קלאפּ, המן'ען אין פּלייצע,

מיר האבען פאר דיר, המן, זייער א גוטע עצה:

הער שוין אויף צו קאכען זיך און זידען,

און הענג אויף אט דעם איינגעשפּארטען אידען.

וואס האסטו זיך צו זארגען,

קענסט אים אויפהענגען נאך מארגען;

און המן האט אויפגעבלידט א בוים,

ביי זיך אין גארטען לעבען זיין היים.

# קאַפּיטעל 6

בלילה ההוא נדדה שנת המלך:

און ניט געקענט האָט אחשורוש, שלאָפען די גאַנצע נאַכט,

געלעגען איז ער אין בעט, און האָט פיל געטראַכט.

ער האָט עפּעס פאַרגעסען און עס האָבען זיך געטומעלט
די רעיונות

האָט ער געהייסען דאָס חרבונה זאָל ברייגנען דעם ספר
הזכרונות

און לעז מיר איבער גלייך וואָס עס איז פאַרלאָפען, —

פיליכט וועט זיך אויסגעפינען פאַרוואָס איך קען ניט שלאָפען.

האָט חרבונה פאַר אים געלעזען,

דאָס אַזוי איז עס געוועזען,

ביגתן און תרש
און מרדכי האָט דיך גערעטעט,
האָט פאַר'סמ'ען דיך געוואָלט,
און מען האָט אים גאַרנישט באַצאָלט.
און עס זאָגט אחשורוש, חרבונה שנעלער לויף,
פיליכט איז פאַראַנען אימיצער אין הויף,
און ברייגג אים שנעל ווי מעגליך,
איך בין שלעפעריג, מיין לאַגע איז אומערטרעגליך.

און חרבונה איז מיט איםפעט שנעל געלאפען,
און אין קעניגס גארטען, האט ער המן'ען געטראפען.
און ער זאגט : אייער עקסעלענץ, שנעל צו אחשורוש זאלט איר גיין,
קיין איין מינוט זאלט איר ניט שטיין.

און המן זאגט : איך גיי און וועל פרובירען,
ביי דעם קעניג אויסצופירען,
מרדכי'ן אויפצוהיינגען
און זיינע פריינד אומברייננגען.

המן קומט אריין, זאגט גוט מארגען, מיין קעניג, מיין גנעדיגער הער,
עס פערשאפט מיר פיל עהרע, וואס איז מיין קעניגס באגער.

און עס זאגט אים אחשורוש :
איינער פון מיינע גרויסע אפיצירען,
זאלסט זיך גוט עס צוהערען.
האט פארדינט מיין גרויסע גענאדע.
נו, פארשטייסט דו דאך אוודאי,

דאס איך וויל דעם מאן באלוינען,
און מיט פאראד און פאמפ באשיינען.
און המן טראכט אליין ביי זיך,
ווער איז גרעסער ווידער איך,
וויל נאך דעם קייסער,
בין איך דער מאן דער גרויסער.

און המן זאגט: אויב דעם קעניג וועט געפעלען,
און מיין עצה פאלגען וועסטו וועלען,
זאלסטו אים געבען דיין אייגענע קרוין,
און אין דיינע קליידער באפוצען אים שיין,

און זאלסט געבען אויך דיין פערד,
צו דעם וואס האט פארדינט דיין ווערט.
און איינער פון דיינע גרעסטע לייט,
זאל גיין מיט'ן פערדעלע ביים זייט,

און איבער אלע גאסען פאראדירען,
און דעם פערד פאר'ן ציימעלע פירען,
און שרייען: אזוי ווערט געטאן,
צו דעם מאן, וואס האט געוואונען
און דעם קעניגס פריינטשאפט האט געפונען.

זאָגט אחשורוש: איך זע פּאַסקודניאַק,
דו פרייסט זיך שוין זייער,
טאָ לויף שנעל, און פיל אוים מיין באַפעל.
נעם מרדכי דעם אידען וואָס זיצט לעבען טויער,
וואַש אים ארום און בארשט אוים זיין בערדעל,
פּאַרפוץ אים שיין און זעץ אים אַרויף אויף מיין פערדעל.
דאָס איז מיין געבאָט, און מאַך פון דעם קיין שפּאָט.
און זאָלסט שרייען אין דער הויך, זאָג איך דאַ צו דיר,
ביז עס וועט דיר אָנרייסען אין האַלדז אַ געשוויר.

גערענק דו המן, זאָלסט קיין זאַך פאַרפעלען,
ווען נים וועל איך דיך אָפּשיקען צו אַלדי העלען.
און המן האָט געמוזט זיין נעבאַך אַ ספּאָרט,
אַ זאָויספירען דעם קעניג זיין שרעקליכען געבאָט,
און שרייען: ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו!
און איבער אַלע גאַסען האָט ער געפירט פאַר'ן ציימעל
דעם פערדעל,
אויף וועלכען מיט שטאָלין איז געזעסען, מרדכי מיט
זיין בערדעל.

און ווען המן האָט געפירט מרדכי׳ן מיט פּראַכט,
איז געשטאַנען המן׳ס טאָכטער אויפ׳ן באַלקאָני דאָן גראַד,
און געדענקט האָט זי דאָס מען פירט איר פאָטער מיט פּראַכט,
האָט זי קיין פילע צייט געטראַכט,

זי האָט מיט שמוץ געכאַפּט אַ טאָפּ,
און אַרונטערגעוואָרפען גלייך, אויף המן׳ס קאָפּ.
און המן איז אַוועק אבל וחפוי ראש,
פאַרשעמט און פאַרלאָרען האָט ער זיין גרויס.

און המן איז אַוועק דערציילען זיינע פריינד,
פון זיין גרויסער מפלה, וואָס ער האָט געקראָגען היינט;
און עס זאָגט צו המן׳ען זיין ווייבעלע זרש,
די קלוגע, דורכגעטריבענע ממזרת:

פון מיינע אור-עלטערען האָב איך געקראָגען בקבלה,
ווער עס פאַרטשעפּעט זיך מיט די אידעלעך כאַפּט אַ פינסטערע מפלה.
איז פאָלג מיך המן און מאַך אַ סוף!
דער אידישער גאָט נעמט פון קיינעם נישט קיין בלאָף.

ביז דו וועסט דערלעבען נעמען פון מרדכי דיין נקמה,
וועסטו פארלירען דיין שווארצע נשמה!
און אזוי ווי זיי האבען גערעדט,
איז געקומען פון קייסער א שטאפעט,
און די שלוחים האבען געהייסען המן׳ען זיך איילען,
צו גיין מיט אחשורוש׳ן צו אסתר׳ן פארוויילען.

## קאפיטעל 7

ויבא המלך והמן לשתות עם אסתר המלכה:
און דער קעניג מיט המן׳ען זיינען צום מאלציים געקומען,
און אסתר האט זיי זייער פריינדליך אויפגענומען.
זי האט שוין צו דעם געזעהן,
אז המן זאל פיל האלטען אין טרינקען,
און וואס עס וועט דערנאך געשעהן,
ווען ער וועט אנפאנגען צו זינקען.

און אסתר האט מיט חן׳לעך,
אויף המן׳ען גענומען קוקען;
און המן האט אלס נעהענטער
צו איר זיך גענומען רוקען.
און אויף דעם האט זי געגארט,
און האט טאקע זיך דערווארט.

זי האָט געגעבען אַ וואונק חרבונא זכור לטוב,
ער זאָל אָנזאָגען דעם קייסער אין צייט
און זאָל ער זעהן וואָס המן איז פאַר אַ לייט.

און דער קעניג איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט,
און המן האָט מיט זיינע הענט די געזיכט פאַרדעקט.
און דער קייסער זאָגט צום צורר המן:
נישט אחשורוש וועט זיין מיין נאָמען,

אויב איך וועל נישט זעהן אויף דיין האַלדז אַ שטריק,
פאַר דיינע בייזע פוילע שטיק.
און חרבונא זאָגט דעם קייסער:
זע, מאַיעסטעט, ביי המן׳ען אין גאָרטען,
שטייט אַ הויכע בוים אָט דאָרטען,

און אויף דעם נאָך היינט,
האָט ער געוואָלט אויפהענגען מרדכי׳ן, דיין פריינד,
און דערפאַר מאַך גאָר קיין שהות,
און הענג אויף די פאַרטיגע תליות,

המן בן המדתא,
דעם פּאַסקודניאַק, דעם רשע,
און זיינע טעכטער מיט די זין,
שיק אויך אויף יענער וועלט אהין.

און זאָגט אחשורוש צו חרבונא — נו, וועל,
פון מיין פּערט זאָלען זיי אַלע גיין אין העל!

און אחשורוש זאָגט צו אסתר׳ן:
זעסט אסתר׳ל, מיין טייבעלע,
מיין שיינע זיסע ווייבעלע,
וואָס איך האָב געטאָן צו המן׳ען,
כאָטש ער האָט אַ צונג אַ גלאַטען,
האָב איך אים דאָך אָפּגעשיקט,
צו זיין גע׳פּגר׳טע טאַטען;

זיין האָב און גוטס, גיב איך אָפּ
צו דיר או נדיינע
טייערע ווייבעלע מיינע,
און זיי אַ גוטע ווייבעלע,
או נהער שוין אויף צו וויינען.
מיט דימאַנטען און פּערעל
וועל איך דיך ביישיינען.

זאָג מיר מיין אסתר׳ל —
פון וואַנען קומסטו און ווער זיינען דיינע פריינד?
דו האָסט פאַרשפּראָכען צו זאָגען עס מיר היינט.

זאָגט אסתר, איך וועל אלעס דיר זאָגען מיין האר,

ליידער בין איך אין זייער גרויס צער.

עס גייט מיר קיין זאַך אָן

ווייל מיין לעבען שטייט אין קאָן.

זאָגט אחשורוש: וואָס מיינסטו דאָמיט,

דו רעדסט אַזעלכע זאַכען, איך פארשטיי עס ניט.

ווער וועט גאָר פּראָבירען,

מיט אַ פינגער דיך אָנרירען,

וועט ער דעם קאָפּ זיינעם פארלירען,

און הער שוין אויף צו קלאָגען,

דו האָסט פאַרשפּראָכען מיר צו זאָגען,

טאָ זאָג טייערע, ווער ביזטו?

און פון וואָס פאַר אַ פאָלק קומסטו?

און אסתר פאַלט אויף אירע קני,

און פאַנגט אָן נאָך מער צו קלאָגען,

און צום קייסער,

פאַנגט זי אָן אַזוי צו זאָגען:

מיין גוטער האר און מלך
ווי קען איך זיין גאר פריילך —
פון שבט בנימין בין איך א פרינצעסין
פון פאלעסטיין זיינען מיר אהער געקומען,
און אונטער דיין שוץ האסטו אונז צוגענומען;
מיר זיינען א פאלק, וואס גאט האט אויסגעקליבען,
אבער ליידער אן א לאנד, זיינען מיר געבליבען.

גרויסע מיוחסים זיינען מיר גאר נישט לאנג געוועזען,
איטלעכער פון אונז קען שרייבען און אויך לעזען.
און איך שטיי אויף מיינע קני
פאר דיר דא איינגעבויגען,
און אויב איך קען געפינען
אביסעל חן אין דיינע אויגען,

איז בעט איך בלויז פון דיר,
דו זאלסט מיין פאלק אויך מיר
שיינקען אונזער לעבען,
וואס גאט האט אונז געגעבען,
און איך בעט פון דיר נישט מער
דאס איז מיין איינציגער באגער.

דו זאָלסט זעהן די ווילדע הריגות צו פֿאַרמיידען,
ווען דו וואָלסט אונז פאַר קנעכט פאַרקויפט,
וואָלט נאָך געווען עס צו דערליידען,

איז בעט איך דיך, אָ גרויסער האַר,
דו זאָלסט פאַרהינדערען דעם גזר.
און דער קעניג האָט געגעבען
איר אָנרירען זיין רוט,
און זאָגט — שטיי אויף מיין ווייבעלע,
איך וועל אלעס מאַכען גוט.

זאָג מיר נאַר, ווער האָט עס זיך געקענט דערוועגען,
טאָן דאָס אלעס מיר דאַגעגען?
זאָגט אסתר: אָט דער פאַלשער המן בן המדתא,
דער שלעכטער גרויסער רשע.

ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט ויינע מזיקים
איבער דער גאַנצער וועלט,
צו דערמאָרדען אַלע אידען
און ראַבירען זייער געלט.

זאָגט אחשורוש : כאַפּט אים, הענגט אים אויף דעם בוים,
וואָס ער האָט געבילד לעבען זיין היים.

## קאַפּיטעל 8

און מען האָט אָפּגעגעבען מרדכי׳ן
און מען האָט געהאָנגען המן׳ען מיט זיינע קינדער
זיין הויז און גוטס און אַלע רינדער.
פּרשנדתא
דלפון
יוספסא
פורתא
אדליא
ארידתא
פרמשתא
אריסי
ארידי
און דעם קליינעם שרין, ויזתא
און אַלע פון שטאָט שושן
זיינען געלאָפען מיט אַ בהלה
בייצוואוואָהנען המן׳ס מפלה.

און אחשורוש זאָגט צו מרדכי'ן און אסתר'ן :

זאָרגט נישט מער און טראַכט,
איך גיב אייך די פול מאַכט,
און קיין כבוד און קיין געלט
וועט אייך נישט פעלען.
און איר קענט טאָן מיט אייערע פריינד,
וואָס איר וועט נאָר וועלען.

דו מרדכי נעם מיין רינג,
און מיין טרעזשורי איז פאַר דיר אָפען,
און דו קענסט זיך אָפּרעכענען,
מיט דיינע פיינד לאָמיר האָפען.
און מרדכי איז אַרוים פון הויף
אנגעטאָן אין אַ קרוין און קליידער פון דעם מלך.

## קאַפּיטעל 9

און די גאַנצע שטאָט שושן

איז געוואָרען זייער פריילעך.

און מען האָט געהאַלטען אַ מיטינג אין מרדכי׳ס זאַל,

און מרדכי האָט פאַנאַדערגעשיקט רייטערס איבעראַל,

און געשיקט אויך די הרצים

צו פאַרטיליגען די אַנטיסעמיטישע פּריצים.

אין שושן אַליין האָט מען גע׳הרג׳עט 500 אַנטיסעמיטען,

פון וועלכע די אידעלעך האָבען שרעקליך געליטען,

אין דעם אַריינגערעכענט המן׳ס צעהן קינדער.

אָבער די אידען האָבען נישט גערויבט,

קיינעמס גוטס און רינדער.

און אַט אַזוי זיינען מיר לויז געוואָרען פון המן הרשע
דעם קטגור

און מיר עסען המן-טאַשען אויף גאַר אַ גרויסען שטייגער.

און ליהודים היתה אורה,

ושמחה וששון ויקר

און מיר אידען האָבען פּורים

און מיר פרייען זיך ביז גאָר.